MEDIEVALES 68

# Jewish Identity and Comparative Studies
# Judéité et Comparatisme

## Études offertes à Astrid Starck-Adler par ses collègues et amis à l'occasion de son soixante-quinzième anniversaire

**Présentées par Danielle Buschinger et Roy Rosenstein**



Presses du "Centre d'Études Médiévales de Picardie"

Amiens 2019

**Comite scientifique : Danielle Buschinger (UPJV-Amiens), Bruno Dagens (Paris III), Anne Berthelot (Storrs, USA), Marie-Genevieve Grossel (Valenciennes), Till Kuhnle (Limoges), Guy Borgnet (Dijon), Martine Marzloff (ENS Lyon), Mathieu Olivier (Toulon), Florent Gabaude (Limoges), Earl Jeffrey Richards (Wuppertal), Roy Rosenstein (The American University of Paris), Isabelle Weill (Paris-X-Ouest-Nanterre).**

daytsh ~ daytshish ~ taytsh:
Vier Augen sehen mehr als zwei
‘Four eyes are better than two’

byalstoker yidish:
פיר אויגן זיי נען בעסער ווי צוויי פּאָר ברילן
fir oygn zaynen beser vi tsvey por briln
'four eyes are better than two pairs of eyeglasses'

For their editorial contributions to the preparation of this volume, we would like to thank Métissa André, Barbara Cox, Florent Gabaude, Akvilė Goravičiutė, Daniel Gunn, Vit Hořejš, Dovid Katz, Elizabeth Kinne, Ian McLean, Nadia Margolis, Jean-François Marzloff, Martine Marzloff, Mathieu Olivier, Wendy Pfeffer, Earl Jeffrey Richards, Klaus Ridder, Danny Rukavina, Paulette Schneider, Daniel Syrovy, and Mathias Vanesse.

La photo sur la couverture représente la pierre tombale d’Elia Levita au cimetière juif de Venise au Lido. Levita (1469-1549) fut éditeur, imprimeur, écrivain, adaptateur, grammairien, lexicographe et professeur à Padoue et à Venise.

Le contenu des articles publiés n’engage que leurs auteurs. Les éditeurs ne peuvent en aucun cas en être tenus pour responsables.

Tous droits de reproduction, de traduction et d’adaptation réservés pour tous pays
Centre d’Études Médiévales de Picardie
© Amiens 2019

ISBN 978-2-901121-78-7

# Table des matières

## *Jewish Identity and Comparative Studies / Judéité et Comparatisme.*
## Études offertes à Astrid Starck-Adler par ses collègues et amis à l'occasion de son soixante-quinzième anniversaire.
## Présentées par Danielle Buschinger et Roy Rosenstein


Table des matières / Table of Contents I

*Tabula gratulatoria* IV
Publications d'Astrid STARCK-ADLER VI
*Laudatio* : Philippe OLIVIER (Berlin) : XIV
En l'honneur d'Astrid STARCK-ADLER
Témoignage : NIMROD BENA DJANGRANG (Amiens) : XIX
Astrid STARCK-ADLER, le yidich en Afrique du Sud ou les portes de l'amitié
Apéritif musical : Anne IBOS-AUGÉ (CESCM de Poitiers) : XXIII
Une *Estoire de Joseph* munie d'interpolations musicales
Introduction : Roy ROSENSTEIN (The American University of Paris) : XXXVI
"Because You are *You*" : Jewish Identity and Comparative Studies

**Section 1 : Le Yiddish / From Yiddish**

Dovid KATZ (Vilnius Gediminas Technical University): 1
Tsu der metodológye fun der histórisher yídisher lingvístik (with English abstract)
Danielle BUSCHINGER (Université de Picardie – Jules Verne): 13
La littérature yiddish ancienne dans le contexte général du genre de l'adaptation.
Un essai Anna Maria BABBI (Università degli Studi di Verona): 39
Appunti sul *Bovo Buch* e sul *Paris um Viene*
Ronny F. SCHULZ (Christian-Albrechts-Universität zu Kiel): 45
Von den Rändern ins Zentrum. Der Held als Bettler im 15. und 16. Jahrhundert
(*Herzog Herpin*, *Loher und Maller*, *Pontus und Sidonia* und *Bovo d'Antona*)
Simon NEUBERG (Universität Trier): 57
Das *Maʿăśe̱buch* im Intertext
Jean BAUMGARTEN (CNRS-EHESS, Paris): 65
Text and Context in Old Yiddish Literature of the Seventeenth
and Eighteenth Centuries
Alexander SCHWARZ (Université de Lausanne): 79
*Eyln shpigl ferkht zikh for di shtarckn vayber*
Ken FRIEDEN (Syracuse University): 86
From Mendel to Mendele: Mendel Lefin as Precursor of
Mendele Mokher Sforim
Earl Jeffrey RICHARDS (Bergische Universität Wuppertal): 98
"Oshventshtim" Rhymed with "shtim," or Finding a Voice on the
Way to Auschwitz: Translating Yitzak Katzenelson's *Dos lid funem oysgehargetn yidishen folk*
and Some Interpretative Problems in Translating Shoah Literature
Philippe OLIVIER (Berlin): 115
L'étude du yiddish avec Astrid Starck-Adler : un outil de transformation intérieure

**Section 2 : L'Hébreu / To Hebrew**

Gilbey Gabriel JOSIPOVICI (University of Sussex): 125
David Inside Out: Words as Weapons
Vered TOHAR (Bar-Ilan University): 133
Jewish Literary Representations of "The Woman in the Chest" Folkloric Theme:
The Cases of the Biblical Sarah and Dinah
Arie SCHIPPERS (University of Amsterdam): 141
Jewish, Arabic, and Christian Love in Strophic Poetry from Muslim Spain
Roy ROSENSTEIN (The American University of Paris): 151
Distant Dove and Distant Love :

Legendary Love Pilgrims Juda Halevi and Jaufre Rudel on the Poetry of Exile
Daniel M. GUNN (The American University of Paris): 167
Aharon Appelfeld: A Shadow upon the Silence

**Section 3 : Linguistique des langues juives et autres / Jewish and Other Linguistics**

George JOCHNOWITZ (Queens College): 181
Wrestling with God: Fear and Fearlessness in Jewish Languages
Cyril ASLANOV (AMU/CNRS-LPL et Université d'État de Saint-Pétersbourg): 186
Le modèle fishmanien de la diglossie avec bilinguisme suffit-il à rendre compte du continuum linguistique juif d'Europe orientale ?
David BUNIS: (Hebrew University of Jerusalem): 196
Sephardim and Ashkenazim: Some Literary Reflections of Contact
Jerold C. FRAKES (University of Buffalo): 219
Primo Levi's Representation of Judeo-Piedmontese as a Jewish Language
Michael RYZHIK (Bar-Ilan University) : 226
Il giudeo-italiano: dialetti in contatto
Erika TIMM (Universität Trier): 234
Das italo-jiddische Wortfeld „Wäsche" vor dem Hintergrund der Kulturgeschichte des Alltags

Jean KUDELA (INALCO): 247
Le sorabe comme matériau expérimental de la linguistique russe
Natalija VYŠNIAUSKAITE (Council of the European Union): 260
Problems in Translating Names of Foreign Origin in Lithuanian: A Professional's Perspective

**Section 4 : Autres langues et littératures / Other Languages and Literatures**

Patricia Harris Stäblein GILLIES (University of Essex): 267
Longing for Jerusalem: New Spaces of Desire in Bertran de Born's Courtly and Crusade Songs
Andrea GRAFETSTÄTTER (Boulogne-sur-Mer): 273
Die Inszenierung von Juden bei Walther von der Vogelweide
Wendy PFEFFER (University of Louisville): 283
Les Juifs dans un sonnet de Bellaud de la Bellaudière
Winfried FREY (Goethe-Universität, Frankfurt am Main): 288
Theobald Thamer und die guten Werke Zum Schicksal eines ‚Dissidenten' in der Zeit der Reformation
Jean-François COUROUAU (Université Toulouse II Jean Jaurès): 306
*Les Juifs dupés* (1696-7) : une satire contre les juifs ?
Marie-Geneviève GROSSEL (UTHF, De visu & de scripto, Valenciennes): 315
*Lou Jo Haman* (*La Reine Esther, tragediou en vers et en cinq actes a la lenguou vulgari coumpousadou a la manière dei juifs de Carpentras*)
Karin KNOBEL (Universität Tübingen): 323
Spuren des Lyrischen in David Bergelsons früher Prosa
Monique MOMBERT (Université de Strasbourg): 332
La quête d'Alfred Döblin, de l'éloge de l'assimilation au néo-territorialisme
Joel GOLB (Berlin): 349
Literature and Politics in Postwar France and Germany: -
The Controversy over a Letter from Paul Celan to Ernst Jünger
Martine MARZLOFF (ENS Lyon): 373
Sous le masque du mythe du héros : Robert Walser, *La bataille de Sempach*
Till R. KUHNLE (Université de Limoges): 378
Penser la captivité comme ouverture vers l'existence ? Gramsci, Levinas, Sartre et Fondane

**Section 5 : Beaux-Arts et musique / Fine Arts and Music**

Anna RUSSAKOFF (The American University of Paris): 387
The Jew, the Merchant, and a Miraculous Image:
Comparative Iconography in Gautier de Coinci's *Miracles de Nostre Dame* Manuscripts

Stephen McCLYMONT (Paris College of Art): 398
Rothko's Brilliant Failures Contextualized
Jonathan SHIMONY (The American University of Paris): 409
Jack Levine: *Vu sholom, dort iz brocheh*.
Paulette SCHNEIDER (New York): 416
*Der yidisher filharmonisher folkskhor* (The Jewish People's Philharmonic Chorus):
A Century of Yiddish Song in New York City
Bonnie Sue STEIN (GOH Productions, New York): 432
Yiddish Theater Today: The 103rd Season of Folksbiene at the Museum of Jewish Heritage,
New York City

**<u>Section 6</u> : Histoire et philosophie / History and Philosophy**

Joseph T. SNOW (Michigan State University): 445
The Jews and Alfonso X, King of Castile and León, 1252-1284:
A Panoramic View Based on his *Cantigas de Santa Maria*
Claire Verity FENNELL (Università degli Studi di Trieste): 457
The Legal Position of Jewry in Thirteenth-Century England and Thirteenth-Century Poland
Evelien CHAYES (CNRS-IRHT, Paris): 469
Paradoxes d'antijudaïsme en Guyenne à l'époque de la Contre-Réforme.
L'*Anti-christ* de Florimond de Raemond (1597- 1599)
Andrea SCHELLINO (Université de Paris-Sorbonne): 477
Alexandre Weill et le « schopenhauerisme » de Baudelaire
Hans DERKS (Amsterdam): 486
'Volk' und 'Volkskunde' in der Westforschung
Louise VASVÁRI (New York University / Stony Brook University): 508
The Proustian Phenomenon and Multigenerational Holocaust Alimentary Life Writing
Clemens HENI (International Center for the Study of Antisemitism, Berlin): 518
Ein deutscher, antifranzösischer, antihumanistischer und antisemitischer Ideologe:
Der erste ZDF Intendant Karl Holzamer
Joshua RUBENSTEIN (Harvard University): 528
An Antisemitic Charade: Stalin's Show Trial of Rudolf Slansky in Prague
Michael ESKIN (New York): 544
The Impatient Stoic: Alexandre Jollien (Mis)Reading Etty Hillesum
Philippe BOUKARA (Mémorial de la Shoah, Paris): 552
Alsace/Sobibor : de l'urgence d'éviter l'effacement

**<u>Section 7</u> : Documents d'époque / Period Documents**

Odile SUGANAS (Paris): 557
Dovid Umru (1910-1941)
Dovid UMRU: 560
The Ship *St. Jacques*: A Short Story (1939)
Yankev FRENKL (Jacob Frankel): 575
The Pioneer of the Leather Industry in Lithuania, Khayim Frenkl (1951)
Mona BERMAN (Tel Aviv): 593
An Interview with Elie Wiesel (1981)
Carole LEMÉE (Université de Bordeaux): 600
Parentés, mémoires et langues : le yiddish et l'histoire des Ashkénazes à Bordeaux (2000)
Wladimir GUTOWSKI (Paris): 614
D'exil en exil : Pologne-URSS-Pologne-Israël-France (2018)
Rory BRENNAN (Dublin City University): 635
Three Poems Touching on a Theme (2018)

Liste alphabétique des auteurs 638
Catalogue des publications du CEM 639

# Methodology in Yiddish Historical Linguistics

**Dovid KATZ (Vilnius Gediminas Technical University)**

In his paper (in Yiddish), Dovid Katz defends the overall understanding of the history of Yiddish developed by Ber Borokhov, Max Weinreich, Solomon A. Birnbaum and other twentieth-century pioneers of modern Yiddish linguistics, while pointing out seminal issues that continue to be contentious, including the age and region of origin of the language, and the precise relationship of (modern) Eastern Yiddish to (the now defunct) Western Yiddish. These pioneers, and their followers and critics alike, have for the last century been solidly anchored to the comparative method with its measures for empirical evidence.

The paper is a response to the alternative model followed by Alexander Beider in the maiden issue of the *Journal of Jewish Languages* (Brill). It is partly based on Paul Wexler's notions of a variety of Jewish languages in Europe and the building of a language's history on a handful of words for which (sometimes) fanciful etymologies are assumed.

According to Katz, the revisionists' model abandons solid comparative methodology (with its empirical checks) that is the backbone of historical linguistics in favor of the atomism of curious single words that can ultimately be used to try to prove a myriad of things. For the history of Yiddish, Katz rejects the proposal that Western Yiddish derives from "Jews' French" while Eastern Yiddish from "Jews' East Slavic", "Jews' Czech" along with some "Jews' French". Katz defends the classic model of Western and Eastern Yiddish descending in large part from an earlier Proto Yiddish, and offers both consistent correspondences as well as congruous anomalies to make the point.

The paper takes issue with the painful personal attacks against Solomon A. Birnbaum and Max Weinreich (and in particular Brill's editors for leaving such a tone unchallenged). These most gifted and accomplished cofounders of the modern field and their colleagues and students are called "Judeo-centric" and it is alleged that their theories of the history of Yiddish were impacted by the Holocaust (nonsense, as the cited ideas were expressed by them many years before the war, and by their own precursors, Ber Borokhov and Matisyohu Mieses, before even the First World War). Weinreich's arguments are called "subterfuges to ward off legitimate criticism" and some of Birnbaum's proposed linguistic criteria are called "false" and "linguistically inappropriate". Rejecting these claims, the paper argues that Borokhov, Birnbaum and Weinreich are in fact "linguistics-centric" in their methodology, practicing careful, classic linguistics rather than constructing fanciful edifices of ever more "interrelated Jewish languages" whose very existence has yet to be proven empirically.

Finally, concerning the field of Yiddish linguistics today, the author challenges the contention that the Birnbaum-Weinreich model "dominates," given that it no longer has a viable academic base anywhere and its input is occasionally disallowed from even some of the most prestigious journals. Brill's editors reported that they could not consider publishing a reply.

# צו דער מעטאָדאָלאָגיע פון דער היסטאָרישער יידישער לינגוויסטיק

— פון הירשע⸗דוד כ״ץ (ווילנע) —

## I

עס קומט אלכסנדר ביידערן (פּאַריז) אַ יישר⸗כּח פאַר זיין אַרבעט איבער דער געשיכטע פון יידיש (ביידער 2013). דער טיטל פונדערפון זעצט זיך אַן ערך איבער פון ענגליש: „ווידער אָנווענדנדיק די פּאַראַדיגמע פונעם שפּראַך⸗בוים צו דער געשיכטע פון יידיש“. די אַרבעט איז דערשינען אין ערשטן נומער פון „זשורנאַל פאַר יידישע שפּראַכן“ (אויף ענגליש) וואָס דער פאַרלאַג „בריל“ האָט געלאָזן אין וועג אַריין אין 2013.

אונדזערע חילוקי⸗דעות מיט דער אָנגעוויזענער אַרבעט זיינען גראָד יסודותדיקע, נאָר צודערצו באַדאַרף מען צוקומען בהדרגהדיק. דער מחבר דערלאַנגט אַ געשיכטע פון דער געשיכטע (היסטאָריאָגראַפיע, געדאַנקען⸗געשיכטע), וואָס איז אויפן ערשטן בליק אַ מין סך⸗הכל פון צוויי גוט באַקאַנטע שיטות: די „גערמאַניסטישע“ (פון ניינצעטן יאָרהונדערט און ווייטער ביי אויסגעשולטע אין דער גערמאַנישער קאָמפּאַראַטיווער פילאָלאָגיע), און די „יידישיסטישע“ (פון אָנהייב צוואַנציקסטן יאָרהונדערט און ווייטער ביי די וואָס זיינען געווען טייל פון יידיש ריידנדיקן, יידיש ליבהאָבנדיקן ציבור גופא אין מזרח אייראָפּע פאַרן חורבן, און זייערע שפּעטערדיקע תלמידי תלמידים, אַוואו זיי זאָלן זיך ניט געפינען). אָט די געשיכטע איז אין אירע ברייטע ליניעס אויף פאַרשיידענע אופנים געשילדערט געוואָרן (למשל ווײנרײך 1940; אַלטהאַוס 1972; כ״ץ 1982: 39-49; 1985; 1996; 2007: 271-288).

די גענדזנפיסלעך אין דיביידע פאַלן — „יידישיסטן“ און „גערמאַניסטן“ — זיינען אויסן אונטערשטרייכן, אַז דאָ גייט אין אַקאַדעמישע שיטות, ניט קוקנדיק וואָס אין די ביידע פאַלן זיינען ביי די מערסטע פאָרשער געוויסע ביאָגראַפישע פאַרהעלטענישן פאַראַן געווען: דער רוב (ניט אַלע) „יידישיסטן“ זיינען אויך געווען יידישיסטן אין באַקאַנטן געזעלשאַפטלעך⸗אידעאָלאָגישן זין (זיינען זיי במילא געווען בדרך כלל יידן), בעת ווען די „גערמאַניסטן“ זיינען געווען ווייטער, ווייט אָדער בכלל ניט פאַראינטערעסירט אין די ברענענדיקע אידייאישע מחלוקתן פון יידישן לעבן אין גאַנג פון די דורות פון סוף ניינצעטן ביזן שפּעטערדיקן צוואַנציקסטן יאָרהונדערט.

ביידער שילדערט אַ נישקשהדיקן אָפּקלייב פון די ווידעראַנאַנדן צווישן די צוויי אינטעלעקטועלע ריכטונגען אין דער יידישער לינגוויסטיק. אַ גאָר באַוואוסטער פאַל איז נוגע דער פראַגע איבערן עלטער פון יידיש, וואָס איז מדעיקרא ניט⸗אָפּצורייסן פון דער פראַגע וועגן דעם, צי האָבן אשכנזישע יידן צוערשט גערעדט דייטש (זאָל זיין אַ „יידישן“ דייטש) און ערשט שפּעטער האָט זיך זייער לשון גענומען הדרגהוויז דיפערענצירן זיך (למשל בן⸗נון 1973 [פישער 1936]; זיסקינד 1953), בשעת ווען די „יידישיסטן“ זיינען ווען⸗ניט⸗ווען נוטה צו דער מיינונג אַז די שפּראַך איז לכתחילה געווען יידיש (למשל מיזעס 1915: 30; בירנבוים 1929: 270; ווײנרײך 1939: 49; אַ סך⸗הכל איבער די דעבאַטעס ווערט געבראַכט אין כ״ץ 1982: 39-49).

בײדערס שילדערונגען זײַנען פֿונדעסטוועגן אין אַ באַאומרואיקנדיקער מאָס געבויט אויף עמאָציעס און הײנטצײַטיקע טענדענצן לגבי דעם עצם געביט פֿון ייִדיש בכלל און דער ייִדישער לינגוויסטיק בפֿרט. דעם נאָמען פֿון דער ייִדישיסטישער שול אין דער ייִדישער לינגוויסטיק בײַט ער איבער אויפֿן נעגאַטיוו⸗אָנגעלאָדענעם: „יודעאָ⸗צענטריש“, עלעהיי דאָס זײַנען שוויוויניסטן אָדער עקסטרעמע נאַציאָנאַליסטן. אינדעראמתן איז פּונקט פֿאַרקערט. די פּאָליטישע און אידעאָלאָגישע נטיה פֿון מערסטע ייִדישיסטן (תּרתּי משמע) איז געווען דווקא ליבעראַל, אוניווערסאַליסטיש (סײַדן אין פֿאַל פֿונעם פּרומען שלמה בירנבוים, וואָס איז אויך ניט געווען קיין שוויוויניסט לגבי אַנדערע פֿעלקער און האָט זיך אַלע זײַנע יאָרן נאָענט געחברט מיט ניט⸗ייִדן געלערנטע). זיי זײַנען געווען ניט מער „יודעאָ⸗צענטריש“ אײדער ספּעציאַליסטן איבער טערקיש זײַנען, פֿאַר קײנעם ניט געדאַכט, „טערקאָ⸗צענטריש“.

אַכלל, פֿאַראַן צווישן הײַנטיקע „פּאָסט⸗ייִדישיסטישע“ פֿאָרשער אַזעלכע, וואָס בײַ זיי איז ייִדיש שוין מער אַן אַקאַדעמישע צאַצקע אײדער אַ שפּראַך (זע למשל שאַנדלער 2006; אונדזער תּשובֿה אין כ״ץ 2015: 283-288); בײַ בײדערן איז אַזאַ לײַכטזיניקײט לחלוטין ניטאָ. פֿונדעסטוועגן איז די „פּאָסט⸗ייִדישיסטישע“ שטעלונג סײַ ווי אַן אונטערהינקענדיקע מדעיקרא, צוליב אַ גאָר פּשוטן, גאָר ניט⸗אידעאָלאָגישן טעם. זי פֿאַרקוקט דעם פּשוטסטן אמת פֿון דער היסטאָרישער (אָדער אַוועלכער ניט איז) לינגוויסטיק, אַז וואָס בעסער מען קען אַ שפּראַך, אַלץ פֿאַרטיפֿטער און ניצלעכער זײַנען דעם פֿאָרשערס ווערק עלול זײַן, אַפֿילו אָדאָרטן וואו בײַ אים אָדער איר טרעפֿן זיך מעטאָדאָלאָדישע שטרויכלונגען אָדער אידעאָלאָגישע אײַנרײדענישן (וואָס אַ קריטיקער וועט דאָך אײביק מסוגל זײַן דערנאָכדעם אויפֿווײַזן און אָפּפֿרעגן). דאָס קענען אין דער טיף די שפּראַך וואָס מען פֿאָרשט אויסעט איז אין לעצטן סך⸗הכּל ניט קײן חסרון, סוף פּסוק. איז מען לאָמיר אָנכאַפּן טיף באַהאַוונט אין די פּיטשעווקעס פֿון די פֿראַנצײזישע דיאַלעקטן, איז בשעת מעשה פֿאַרליבט אין דער פֿראַנצײזישער קולטור, ווינטשט מען דעם עולם צי דעם פֿאָלק וואָס רעדט אויף אָטאָ דער שפּראַך הצלחה און מזל, איז מען ניט אַפּריאָרי אַ „פֿראַנקאָ⸗צענטריקער“, זאָל אויסהיטן דער אײבערשטער. די משונהדיקע קאָמפּלעקסן אַרום ייִדיש זײַנען אָבער נוטה ווײַטער פֿאַרשפּרײט צו ווערן אין דער הײַנטיקער סבֿיבֿה, ווען עס ווערט שיטער אָדער גאָרניט בנמצא אויסגעשולטע אין מזרח אײראָפּע פֿאַרן חורבן, און בײַ טייל פֿאָרשער איז דער אומווילן זיך טיפֿער באַקענען מיט דער הײַנטיקער חרדישער וועלט (בפֿרט דער חסידישער), וואו ייִדיש שפּרודלט, פֿאַרזעך אַ מין אידעאָלאָגישע דערקלערונג לטובֿת אַ ייִדישלאָזער ייִדיש פֿאָרשונג. אַזוי קומט מן הסתּם אויסעט במילא לײַכטער.

צוליב דער ירידה פֿונעם פּאַקטישן אַקאַדעמישן געביט שוין אַ שײנע פּאָר יאָר, און צוליב דער קאַטעמפּאָראַלער ירידה פֿון ייִדיש אין די ניט⸗חרדישע סבֿיבֿות, איז אויסגעוואַקסן אַ שטח פֿאַר קוואַליפֿיצירטע אויף שכנותדיקע (אָדער אַפֿילו ניט איבעריקס שכנותדיקע) געביטן. צו הלכות ייִדיש דערגײט דאָס פֿאָרט ניט. מה⸗דאָך, אַ בקי אין עירובֿין איז ניט ערבֿ אַ מאדים אין סנהדרין זײַן.

נאָכמער: מען שפּירט אַ סובטילן (און צומאָל ניט סובטילן) פּרואוו אויף צו פֿאַרקלענערן די אַקאַדעמישע ווערדע פֿון אַפֿילו די גרעסטע ייִדישיסטישע („יודעאָ⸗צענטרישע“) פֿאָרשער וואָס זײַנען אויסגעשולט געוואָרן פֿאַרן חורבן, וועלכע האָבן אײַנגעזאַפּט ייִדיש ווי זײער יוגנט⸗שפּראַך אין די טיפֿענישן פֿון דער ייִדיש רײדנדיקער ציוויליזאַציע, און האָבן מיט צענדליקער יאָרן מי און דערגרײכונגען זיך דערגאַנצט אין דער ברײט⸗אײראָפּעאישער פֿילאָלאָגיע. אַז עס רעדט זיך וועגן (אַשטײגער, לויטן אַלפֿאַבעטישן סדר) אַ שלמה בירנבוים, אַ מאַקס ווײַנרײַך, אַ יודל מאַרק, אַ נח פּרילוצקי, אַ זלמן רײזען, און פֿאַרשטײט זיך אַנדערע, רעדט זיך וועגן פֿאָרשער וואָס האָבן אַרויסגעלאָזן זײער ערנסטע וויסנשאַפֿטלעכע ווערק אויף אַ הויכן אַקאַדעמישן ניוואָ, צי מען איז מיט זײ אײַנשטימיק צי ניט — ניט מיט „יודעאָ⸗צענטרישע“ ייִדעלעך טינטלער.

קומט אויס טאַקע שווער צו פֿאַרשטײן, וואָס בײדער איז געגנוי אויסן, אַז ער שילדערט למשל שלמה בירנבוימס פֿאַרגלײַך פֿון ייִדישע פֿאָרמעס מיט מיטל⸗הויך⸗דײַטשישע (אָנשטאָט נײַ⸗הויך⸗דײַטשישע) פֿאָרמעס מיטן טאָן פֿונעם קטיגור פֿון יענער וועלט: „אָט דער צוגאַנג איז לינגוויסטיש ניט פּאַסיק“; נאָכמער, בירנבוימס לינגוויסטישע קריטעריעס ווערן אָנגערופֿן: „פֿאַלש“ (בײדער 2013: 88; זע בירנבוים 1979: 51-53). וועגן מאַקס ווײַנרײַכס מײנונג איבערן לשון פֿון קײמברידזשער קאָדעקס פֿון 1382 (ווײַנרײַך

1960; זע פּוקס 1957) איז שומו שמים: „אין אַלגעמיין גערעדט געוואָרן, זעען אויס זיינע אַרגומענטן ווי סובטערפיוזשן וואָס זיינען אויספּלאַנירט אויף אָפּצושטויסן לעגיטימע קריטיק מצד זיינע אָפּאָנענטן... “ (ביידער 2013: 96). אגב אורחא זיינען מיר אויך ניט מסכים מיט ווײַנרייכן וועגן שפּראַך פון קיימברידזשער קאָדעקס (זע כ״ץ 1991: 28). זלזולים פּאַסן אָבער ניט דעם יידישן פילאָלאָג. וואָס אַן אמת, האָט דער נייער זשורנאַל מיט זיינע רעדאַקטאָרן און זיין הויכגעשעצטן ועד מיט מומחים עצה־געבער זיך געמעגט לאָזן אין וועג אַריין מיט אַ קאָפּ מער דרך־ארץ פאַר די גדולים און גרונטלייגער פון דער יידישער שפּראַך־פאָרשונג.

כידוע האָבן סיי בירנבוים סיי ווײַנרייך זייערע אייגענע דאָקטאָראַטן אויסגעענדיקט און פאַרטיידיקט אין דייטשישע אוניווערסיטעטן אויף דער דייטשישער שפּראַך איבער טעמעס וואָס געהערן דעם אַקאַדעמישן תחום פון יידיש. ביי וועמען־ניט־איז, קען די עצם אויסקלייבונג פון טעמעס וואָס זיינען קאָנצענטרירט אויף דער יידישער שפּראַך אויסזען „יודעאָ־צענטריש“, מה־דאָך זיי האָבן דאָך געקענט אויסקלייבן „בעסערע“ טעמעס אין עמעצנס אויגן, אַשטייגער וועגן דייטש ביי יידן, טשעכיש ביי יידן, טערקיש ביי יידן. נאָר גיי זיי אַ נביא: אין אַנדערע אויגן וואָלטן גראָד אַזעלכע טעמעס אויסגעזען רחמנא לצלן ווי „יודעאָ־צענטריש“.

בירנבוימס דאָקטאָראַט איבער די העברעאישע און אַראַמישע עלעמענטן אין יידיש האָט ער פאַרטיידיקט אין ווירצבורג אין 1921 (פאַרעפנטלעכט אויף דייטש: בירנבוים 1922). ווײַנרייכס דאָקטאָראַט איבער דער געשיכטע פון דער פאָרשונג פון יידיש (1923) האָט ער פאַרטיידיקט אין מאַרבורג. נמצא, אַז זיי האָבן זייערע דיסערטאַציעס ניט אָנגעשריבן אין די קלויזן פון כתרילעווקע אָדער באַלבירישאָק. דאָ גייט ניט אין די פראַגן פון דער יידישיסטישער אָדער דער גערמאַניסטישער שול וואָס אין דער יידישער לינגוויסטיק. דאָ גייט אין פּראָפעסיאָנעלער אויסשולונג אויפן געביט פון לינגוויסטיק; דאָס איז פאַרזעך אַ נפקא־מינה ניט צום פאַרקוקן.

וואָס אַן אמת, זיינען אַזעלכע דאָקטאָראַט־דיסערטאַציעס ווי שלמה בירנבוימס און מאַקס ווײַנרייכס בפירוש: ל י נ ג ו ו א ָ ־ צ ע נ ט ר י ש, אַ תחום מיט מעטאָדאָלאָגיעס און השגות וואָס געהערן דעם ספּעציאַליזירטן געביט פון לינגוויסטיק. דאָס איז ניט קיין ברעקל פּחיתת הכבוד לגבי שטודיעס אויף אַנדערע געביטן, אויך ניט לגבי די אינטער־דיסציפּלינאַרישע פאָרשונגען.

אַז מען וואַרפט זיך אַרומעט מיט אַזעלכע באַמבעס ווי „לינגוויסטיש ניט פּאַסיק“ און „סובטערפיוזשן“, איז אפשר קיין חידוש ניט, אַז דער סוף איז אַ פּראָבלעמאַטישער אויך בנוגע פאַקטן. דער מחבר גיט אונדז צו וויסן: „ס'איז וויכטיק צו פאַרפעסטיקן, אַז דער יודעאָ־צענטרישער צוגאַנג איז אַנטוויקלט געוואָרן בלויז נאָך דער צווייטער וועלט מלחמה, בעת וועלכער מיליאָנען יידיש ריידנדיקע זיינען דערהרגעט געוואָרן אונטערן דייטשישן נאַצישן רעזשים. אין דאָזיקן קאָנטעקסט, איז עס פּסיכאָלאָגיש פאַרשטענדלעך, אַז געוויסע יידישע געלערנטע איז געוואָרן אומגעוואונטשן באַטראַכטן יידיש אַלץ טאָכטער־שפּראַך פון (מיטל־הויך) דייטש“ (ביידער 2013: 90).

אויך דאָ האָבן שוין די פּראָפעסיאָנעלע פאַך־לייענער און רעדאַקטאָרן געמעגט געבן דעם מחבר צו וויסן: שלמה בירנבוים און מאַקס ווײַנרייך האָבן וועגן אָט די פראַגן, וועגן אורשפּרונג און עלטער און דער בראשיתדיקער געשיכטע פון יידיש, אַנדערש ניט געהאַלטן אויף פ א ר ן ח ו ר ב ן. באַקומט זיך פון דער בפירוש ניט ריכטיקער אָבזערוואַציע, אַז זייערע געדאַנקען, און זייער אַקאַדעמישער ניוואָ, זיינען שיער ניט יודעאָ־היסטעריש, אויף אַזויפל, אַז מ'דאַרף ווערן אַ גוטער־ברודער און קומען מיט תירוצים און פּסיכאָלאָגישע פאַרענטפערונגען פאַר אַזעלכע ליידנדיקע פון „האָלאָקאָוסט טראַומע“. מ'קען דאָ אַראָפּברענגען לאַנגע רשימות פון בירנבוימס און פון ווײַנרייכס אַרבעטן פון פאַר דער מלחמה, און מען קען דערמאָנען אַז דער ערשטער האָט געפונען אַ מקום מקלט אין לאָנדאָן און דער צווייטער אין ניו־יאָרק נאָך איידער ס'האָט זיך אָנגעהויבן די פאַקטישע מלחמה אין זייערע צווישנמלחמהדיקע וואוין־ערטער. ס'איז אָבער אַ שאָד די צייט און אַ שאָד די טינט, זאָל זיין אַפילו דיגיטאַלע טינט: אויב איין צד אין אַ דעבאַטע ווערט באַצייכנט אַלץ אַ חורבן באַווירקטע פּאַטאָלאָגיע, איז שווער, זייער שווער, קומען צום טיש מיט אַן אַקאַדעמישער דיסקוסיע אויפן אוניווערסיטעטישן ניוואָ.

נאָכמער: ווער ס׳האָט זיך פֿאַרנומען מיט דער יידישער לינגוויסטיק ווייס זייער גוט, אַז די יידישיסטישע (ביים מחבר: „יודעאָ⸗צענטרישע“) שול אין דער יידישער לינגוויסטיק (אינאיינעם מיט אירע גרונט⸗השגות וועגן אָפּשטאַם און עלטער פֿונעם לשון), האָבן גאָר געשאַפֿן נאָך פֿאַר בירנבוימען און פֿאַר וויינרייכן, צווישן אַנדערע געלערנטע: מתתיהו מיזעס (1908) און בער באָראָכאָוו (1913), איןביידע פֿאַלן אַזש נאָך פֿאַר דער ע ר ש ט ע ר וועלט מלחמה.

אָבער צו דעם אַלעמען בלייבט ביים מחבר אַ פּחד, אַז די „יודעאָ⸗צענטרישע“ מיינונגען „דאָמינירן אין דעם געביט פֿון שטודיעס פֿון יידיש“ (ביידער 2013: 87; אויך 92). סכנת נפשות, בלייבט נאָר אַרויסרופֿן די פֿאָזשאַרנע קאָמאַנדע אָפּהיטן קהל פֿון אָט אַזאַ מין גורל.

**II**

ס׳איז לחלוטין אמת, אַפֿילו באַשיימפּערלעך קלאָר, אַז ביי געוויסע פֿראַגן וואָס זיינען נוטה צו אינטערפּרעטירונג, וואָס זיינען צודערצו ביי קהל „אויפֿרייצנדיקע“ גרונט⸗פֿראַגן, אַזעלכע וואָס רופֿן אַרויסעט אַלערלייאיקע עמאָציעס און רעאַקציעס, איז ווירקלעך פֿאַראַן עד⸗היום אַ נטיה צו שפּירן אַז די פֿאַראַנענע מיינונגען זיינען עלול צו האָבן אַ באַוואוסטזיניקע אָדער אומבאַוואוסטזיניקע שייכות מיט אויסנווייניקסטע, סאָציאָלאָגישע און פּסיכאָלאָגישע פֿאַקטאָרן אין דער פֿאָרשונג פֿון אַוועלכן ניט איז לשון; לשון איז פֿאַרקניפּט מיט פֿאָלק, געזעלשאַפֿט, מענטשן, געשיכטע, געפֿילן. ביי הייסע אוהבי יידיש, בתוכם פּראָפֿעסיאָנעלע פֿאָרשער, איז אפֿשר (אָבער: לאו דווקא) פֿאַראַן אַ נטיה האַלטן אַז יידיש זאָל שטאַמען פֿון סאַמע אָנהייב אשכנז לויט אַ ריי שיטות און ראיות; ביי פּראָפֿעסיאָנעלע פֿאָרשער פֿון דער גערמאַניסטיק איז מער נאַטירלעך צונויפֿשטעלן אַן הדרגהדיקע דיפֿערענצירונג פֿונעם קאָטעריטאָריאַלן דייטש (זע למשל די סך⸗הכלען אין כ״ץ 1988; 1991: 25-30, 37-43).

אָט אַזעלכע יסודותדיקע פֿאַרשיידנאַרטיקייטן אינעם קוק מצד גרופּעס מיט זייערע פֿעסטע אויסגאַנג⸗פּונקטן זיינען גאָר ניט קיין חידוש, ווי אַזוי מען זאָל אַליין ניט האַלטן. ס׳איז שיער ניט אַריין אין כלל פֿון: וואַסער איז נאַס. וויכטיק איז, מ׳זאָל מיט קלאָרקייט פֿאַרשטיין אין וואָס דאָ גייט. מ׳זאָל זיך היטן, ניט פּלאָנטערן מיינונגען איבער טעאָרעטישע פֿראַגן וואָס בלייבן במילא מוטל בספק און אָנגעווענדט אינעם צוגאַנג (צי אַפֿילו אין די „נאַציאָנאַל⸗אידעאָלאָגישע“ איבערצייגונגען פֿונעם פֿאָרשער) מיט בפֿירוש היסטאָריש⸗לינגוויסטישע פֿראַגן אַרום וועלכע געבראַכטע ראוית און אסמכתאות קענען דעבאַטירט ווערן אין אַ ספּעציפֿישן לינגוויסטישן זין. איטלעכע אַראָפּגעבראַכטע ראיה איז דאָך אַ נראה און אַ נגלה, וואָס יעדן איינעם איז תמיד אָפֿן די ברירה פֿאַרמעסטן זיך די ראיה סותר זיין און אָפּפֿרעגן.

ביי די פּרטי פּרטים פֿון דער היסטאָרישער לינגוויסטיק, און גראַדע אין תחום פֿון דער מעטאָדאָלאָגיע וואָס וועגן איר רעדט אַזויפֿיל ד״ר ביידער, געפֿינען מיר, נסים ונפֿלאות, אַז די „יידישיסטישע פֿאָרשער“ האָבן פֿון אָנהייב צוואַנציקסטן יאָרהונדערט און ווייטער דעם קאָמפּאַראַטיוון מעטאָד אָפּענערהייט און מיט פֿרייד איבערגענומען ביי די גערמאַניסטישע (און אַנדערע אייראָפּעאישע) גרונטלייגער פֿון דער מאָדערנער היסטאָרישער לינגוויסטיק פֿון ניינצעטן יאָרהונדערט. די פֿאָרשער פֿון דער יידישיסטישער שול וואָס האָבן זיך פֿאַרנומען מיט דער געשיכטע פֿון יידיש זיינען אַלעמערשטנס געווען אויסגעשולט אין דעם קאָמפּאַראַטיוון מעטאָד פֿון רעקאָנסטרוקציע, וואָס עס האָבן גראַדע אין דער גרעסטער מאָס אַנטוויקלט דייטשישע לינגוויסטן. באַקומט זיך, עפּן זיך הימל, אַז די מעטאָדאָלאָגיע פֿון דער שטרענגער קאָמפּאַראַטיווער רעקאָנסטרוקציע איז גאָר אַ ירושה פֿון גערמאַניסטן צו יידישיסטן, איז איבעריק צו ריידן וועגן אַ כלומרשדיקן דוחק אין ווּיסנשאַפֿטלעכער שטרענגקייט ביי די (היט זיך אָפּעט די ביינער) „יודעאָ⸗צענטריקער“.

דעם קאָמפּאַראַטיוון מעטאָד האָט אַ סברא אַמשענסטן און אַמקלאָרסטן פֿאָרמולירט דער שווייצאַרער גאון פֿערדינאַנד דע סאָסיר (Ferdinand de Saussure) אין זיין Cours de linguistique générale וואָס צוויי פֿון זיינע תּלמידים האָבן שוין נאָך זיין טויט צונויפֿגעשטעלט פֿון זייערע נאָטיצן. דאָ וועט קלעקן מערניט איין הויפּט־פּרינציפּ ציטירן. אָדאָס איז דער פּרינציפּ פֿון דער רעקאָנסטרוקציע גופֿא, פֿונעם רעטראָספּעקטיוון מעטאָד. דער אויסגאַנג־פּונקט באַשטייט דווקא ניט פֿון די צופֿעליק אויפֿגעהיטע פֿאַפּירעלעך פֿון אַמאָל מיט זייערע תּשעה־ניינציק ספֿקות, נאָר פֿון די עמפּיריש־פּאַקטישע מאַטעריאַלן וואָס דער פּראָפֿעסיאָנעל אויסגעשולטער לינגוויסט פֿאַרצייכנט און פֿאַררעקאָרדירט פֿון לעבעדיקן מויל פֿון מענטשן וואָס ריידן אויף דער געפֿאָרשטער שפּראַך. די גבֿורהדיקייט פֿונעם מעטאָד אין אַוועלכן ניט איז פֿאַל איז דירעקט אָפּהענגיק אָן דער וואָגיקייט פֿון דער עווידענץ (זע פֿון אָריענטאַציע־וועגן סאָסירס פֿינפֿטן חלק, זז. 291-316 אין דער ערשטער ענגלישער אויפֿלאַגע, סאָסיר 1916).

די עצם גבֿורה פֿון דער רעקאָנסטרוקציע, וואָס איז אַ יסוד היסודות פֿון דער געשיכטע פֿון יידיש און פֿון אַוועלכער ניט איז שפּראַך, זאָל דער פֿאָרשער זיין אין פֿערזענלעכן לעבן אַ יידישיסט צי אַ גערמאַניסט, אַ יאַפּאָנעזער צי אַ מעקסיקאַנער, באַשטייט אין אַ ריי פּרינציפּן. אויפֿן שפּיץ מעסער, פֿון סאָסירן:

> „[...] די דיאַכראָנישע לינגוויסטיק האָט אַ פֿאָראויס־קוקנדיקע פּערספּעקטיוו, נאָכפֿאָלגנדיק דעם גאַנג פֿון דער צייט; און אַ צוריק־קוקנדיקע פּערספּעקטיוו, וואָס פֿירט אונדז אין דער פֿאַרקערטער ריכטונג. די ערשטע פֿון די דאָזיקע פּערספּעקטיוון קאָרעספּאָנדירט מיט דער פֿאַקטישער פּראָגרעסיע פֿון די געשעענישן. [...] אָט דער מעטאָד איז פּשוט אַ פֿראַגע פֿון נאָכקוקן די פֿאַראַנענע באַווייזן. אָבער אין זייער אַ סך פֿאַלן איז אָט דער מיטל, ווי אַ מעטאָד צו דער דיאַכראָנישער לינגוויסטיק, ניט אַדעקוואַט, אָדער בכלל ניט שייך, מחמת דעם וואָס אויף צו שילדערן די געשיכטע פֿון אַ שפּראַך פּרטימדיק, פֿאָלגנדיק די כראָנאָלאָגישע סעקווענץ, וואָלטן מיר געמוזט האָבן אַן ענדלאָזע סעריע פֿאָטאָגראַפֿיעס פֿון דער שפּראַך, אַראָפּגענומען אַיעדע מינוט. אָבער אָט די באַדינגונג ווערט דאָך קיינמאָל ניט רעאַליזירט. [...] דאַרף מען אָפּלאָזן דעם פֿאָראויס־קוקנדיקן מעטאָד, מיט זיין פֿאַרלאָזן זיך אויף דירעקטער דאָקומענטירונג, לטובֿת דער פֿאַרקערטער ריכטונג, און וויטער אַרבעטן רעטראָספּעקטיווערהייט, אַ ק ע ג ן דער כראָנאָלאָגישער סעקווענץ פֿון די געשעענישן. [...] אַזוי אַרום דערמעגלעכט אונדז דער רעטראָספּעקטיווער מעטאָד צוצוקומען צו אַ פֿאַרגאַנגענהייט אין דער געשיכטע פֿון אַ שפּראַך, צוריקצוצו העט ווייטער אידער די צייט פֿון די סאַמע ערשטע דאָקומענטן"
> (סאָסיר 1916: 292-293).

## III

מאַי קאַ משמע לן? אין דער געשיכטע פֿון יידיש, וואו עס איז סיי ווי בדרך כלל קיינעם ניט אָנגעגאַנגען אין די ערשטע יאָרהונדערטער פֿון דער שפּראַך (לחלוטין קיין נפֿקא־מינה ניט, צי האַלט מען פֿון איין „עלטער" אָדער פֿון אַ צווייטן „עלטער" פֿון יידיש) דאָס לשון אָפּשפּיגלען אַן ערך ווי זי ווערט גערעדט. פֿאַרקערט, מיר ווייסן זייער גוט וועגן דער אויסערגעוויינלעך גרויסער סטיליזירונג אין דער ריכטונג פֿון פֿאַרשיידענע פֿאָרמעס פֿון דייטש (זע כ"ץ 1987: 47-48 אַוואו ס'ווערן געבראַכט מראה־מקומות צו פֿריערדיקע פֿאָרשונגען צום ענין).

צום שבֿח פֿוןביידערן, זאָגט ער זיך אָפּ פֿון די משונהדיקסטע פֿאַנטאַזיעס פֿון וועקסלערס „לאָגיש ניט־קלאָרער קלאַסיפֿיקאַציע" פֿון יידישע לשונות (ביידער 2013: 103), און אין דעם זיינען מיר מיט אים, קיין חידוש ניט, אינגאַנצן מסכּים (זע כ"ץ 1985: 85-86; 1991). ער אַליין איז אָבער פּאָרט פֿאַרכאַפּט, און זאָל אים צו געזונט זיין, מיט (צווישן אַנדערע) „יידן־גריכיש", „יידן־לאַטיין", „יידן־פּראָווענסאַל", „יידן־מזרח־סלאַוויש", און נאָך (ז. 105), און וויל האָבן (ווי אַנדערשוואו), אַז מערבֿ יידיש און מזרח יידיש

שטאַמען פֿון פֿאַרשיידענע קוואַלן, מערב ייִדיש פֿאַרנעמענדיק דאָס אָרט פֿון „ייִדן־פֿראַנצייזיש“, בעת ווען מזרח ייִדיש זאָל זײַן דער במקום פֿון „ייִדן־מזרח־סלאַוויש“ (דאָרטן).

אָט די דעבאַטע איז אויף אַ צווייטער געלעגנהייט. מיר האָבן אַנדערשוואו אַרומגערעדט די ראיות פֿאַר אַ בשותפֿותדיקן אָפּשטאַם פֿון מערב ייִדיש און מזרח ייִדיש פֿון אַן עלטערער קדמון שפּראַך (למשל אין כ״ץ 1982; 1985; 1987; 1981א; 1981ג; 1991א; 1991ג; 2007: 23-29, 400, הערה צו זז. 26-27).

לאָמיר פֿונדעסטוועגן ברענגען אַן אײנאײנציקן ניט זייער טעכנישן בײַשפּיל. אין אַלע ייִדישע דיאַלעקטן וואָס די ייִדישע לינגוויסטיק האָט פֿאַרצייכנט אין לעבעדיקן לשון פֿון בני אדם (אַרײַנגערעכנט די אַלע פֿאָרשונגען פֿון לעצטן גערעדן מערב ייִדיש), איז דאָס וואָרט אויפֿן מאור הגדול אַ קרובה פֿון **זון**, און דאָס וואָרט אויפֿן מאור הקטן אַ קרובה פֿון **לבֿנה**. אַ סימן האָבן מיר, אַז דער דאָזיקער אָביעקטיווער פֿאַקט איז בנמצא געווען פֿון פֿריער. קוקט מען זיך צו צו דער פֿאָנאָלאָגיע, זעט מען אַז די רעאַליזירונגען זײַנען אומעטום פֿאַרשיידן לויט די אַנטוויקלונגען פֿון דער קלאַנגען־סיסטעם (טײַטש: אַז זיי זײַנען חל סיי איבערן גערמאַנישן סיי איבערן סעמיטישן קאָמפּאָנענט פֿון יעטוועדער דיאַלעקט). צו די מאָדערנע מזרחדיקע דיאַלעקטן דאַרף מען נאָר אַ פֿרעג טאָן ביי אַ דרומדיקן ייִדן בכדי צו הערן zin אַקעגן ləvū́nə (ערטערווײַז מיט אַ קורצן u), און ביים צפֿונדיקן בכדי דערהערן zun אַקעגן ləvɔ́nə. קוקן מיר זיך אַרײַן אין די לינגוויסטישע באַשרײַבונגען אין צוואַנציקסטן יאָרהונדערט פֿון לעצטן מערב ייִדיש, געפֿינען מיר אַשטייגער אין האָלאַנד zŏn אַקעגן ləvṓnə און אין עלזאַס zun אַקעגן ləvṓnə (לויט דער פֿאָרגעלייגטער קלאַסיפֿיקאַציע, וועט דאָס הייסן צפֿון־מערב ייִדיש און דרום־מערב ייִדיש; זע כ״ץ 1983; דוגמאות פֿון חומר פֿון לעבעדיקן לשון: צו צפֿון־מערב ייִדיש, אין האָלאַנד און פֿריזלאַנד, זע ביים 1954; 1970; 1975; צו דרום־מערב ייִדיש, אין עלזאַס און לאָטרינגען זע: ווייס 1896; ווייל 1920-1921; צבי 1969; צוקערמאַן 1969; אין דער שווייץ זע גוגענהיים־גרינבערג 1961; 1973).

אין משך פֿון די יאָרן האָבן מיר פֿאָרגעלייגט ספּעציפֿישע מעטאָדאָלאָגיעס צום מעסטן די מדרגות פּראָטאָ־ייִדישן מהות, איכותדיק גערעדט, און לאָמיר באַלד אויף אַן אָרט אונטערשטרײַכן, ערשטנס אַז עס רעדט זיך וועגן מדרגהשקייט — קיינער נאַרט זיך ניט, אַז אַוועלכער ניט איז גאַנצער ייִדישער דיאַלעקט שטאַמט גאַנצערהייט פֿון אַ פּראָטאָ־שפּראַך, אַזאַ השגה קען מען משמעות נאָר הערן ביי אַן אָפּאָנענט וואָס לאַכט אָפּעט. והשנית, רעדט זיך וועגן איכות פֿון די ראיות, דהיינו: די שפּראַך־גענעטישע פֿאַרהעלטענישן זײַנען לינגוויסטיש דעפֿינירט לויט זייער עמפּירישער דערווייזלעכקייט און זייער מעטאָדאָלאָגישער וואָגיקייט. כמות איז אָבער אויך ניט אַוועקצומאַכן מיט דער האַנט, ס'דאַרף געדעקט ווערן אַ היפּשער חלק פֿונעם לשון, ניט בלויז אײנצל־אַטאָמיסטיש אַראָפּגעכאַפּטע ניסעלעך („זעלטענע אויסנאַמען“).

מער פּרטימדיק גערעדט געוואָרן, האָבן מיר, נאָכגייענדיק בירנבוים (1923), בן־נון (1936; 1973) און ווײַנרײַכן (1960ב), דערזען אין די סיסטעמען באַטאָנטע וואָקאַלן פֿון אַ ל ע ייִדישע דיאַלעקטן אַ מדרגה קאָרעספּאָנדענץ און פּאַראויסזעלעכקייט, און שייכותדיקייט לגבי די ביידע פּאַן־ייִדישע קאָמפּאָנענטן פֿון ייִדיש, וואָס קען בשום אופֿן ניט זײַן „אַ צופֿאַל“ (כ״ץ 1982: 52-74; 1983) מחמת: צופֿיל צופֿאַל = שוואַכע לינגוויסטיק.

אַנדערשוואו האָבן מיר געשילדערט פּאַראַלעלע אַנאָמאַליעס איבער גאַנץ ייִדיש (מיט עמפּיריש דערוויזענע לאָקאַלע אַלט־אַנטוויקלטע פֿאָנעטיש־פֿיזישע אייגנשאַפֿטן) לגבי די מקור־שפּראַכן (זע למשל כ״ץ 1982: 283-295; 1985: 95-97); דערצו אויך פֿאָרגעשלאָגענע מעטאָדאָלאָגיעס אויף סאָציאָלינגוויסטיש־פֿאָנאָלאָגישער רעקאָנסטרוקציע (כ״ץ 1980), און פֿון דער אינעווייניקסטער רעקאָנסטרוקציע (כ״ץ 1982: 182-221).

ס'איז פֿונדעסטוועגן שייך זיך מודה ומתוודה זײַן: דער ענין פֿאָדערט אַ סך מער אַרבעט. מען דאַרף דאַנקבאַר זײַן אַלכסנדר ביידערן און אַנדערע וועלכע פּרובירן אָפּפֿרעגן פּראָטאָ ייִדיש און פּרוּוון דערווײַזן אַז מערב ייִדיש און מזרח ייִדיש האָבן אַ באַזונדערן אָפּשטאַם. הגם זייערע ראיות, מיט דער גאַנצער קלאָפּערגעצייג פֿון מזרח־ייִדן־סלאַוויש ביזקל ייִדן־פּראָווענסאַל מעגן אפֿשר גלאַט נעכטיקע טעג זײַן. אָט די וואָס געפֿינען זיך אין דער מחנה פֿון באַראַכאָוו און בירנבוים, מיזעס און ווײַנרײַך, וואָס מען איז זיי (אונדז)

משלח ביי היינטיקן טאָג ווי „יודעאָ⸗צענטריקער“ (היט זיך די ביינער), — מיר האָבן אויך ניט דערוויזן די זאַך כדבעי, אין דער פולער מאָס. בלייבט אַן אויפגאַבע אויף להבא: אַ לינגוויסטישער ווערטערבוך, מאָרפעמען⸗בוך און קלאַנגען⸗בוך פון פּראָטאָ יידיש, נ י ט מיט אַ טענה אַז גענוי אַזוי האָט עמעצער אַמאָל גערעדט, פאַרשטייט זיך, נאָר ווי אַ סאָלידע קאָנסטרוקציע ווען עמפּירישע וואָרהאַפטיקייט ווערט אויפגעוויזן דורך אויסגעהאַלטענע צווישן⸗שייכותן מיט פאָרמעס דאָקומענטירטע פון לעבעדיקע יידישע דיאַלעקטן אין משך פון די לעצטע עטלעכע הונדערט יאָר (אַריינגערעכנט די אַלע ווערק איבערן לעצטן גערעדטן מערב יידיש, פאַרשטייט זיך). הלוואי בקרוב.

ואחרון אחרון, פון קאָנטראַסט וועגן ברענגען מיר אַ טאַבעלע וואָס איז בדיעבד אַן ענטפער אויף ביידערס טאַבעלע „פּאָרגעלייגטע קייט פון שפּראַכן גערעדט ביי יידן“ (ביידער 2013: 105), אַוואו מערב יידיש קומט אויפן אָרט פון „יידן⸗פראַנצייזיש“ בשעת ווען מזרח יידיש וואַקסט אויס אויפן באָדן פון „יידן⸗מזרח⸗סלאַוויש“ מיט אַ צושטראָם אויך פון, טויזנט איין נאכט — „יידן⸗פראַנצייזיש“... עס פיגורירן אויך „יידן⸗טשעכיש“, „יידן⸗פּראָווענסאַל“ און נאָך לשונות וואָס מען האָט נאָך ווייט ניט דערוויזן, אַז זיי האָבן ווען⸗ניט⸗איז אויף גאָטס וועלט עקזיסטירט.

היות טאַקע ווי די עצם פאַראַנענקייט פון טייל פון די דאָזיקע שפּראַכן איז נישקשה מוטל בספק, בלייבט, אַז בויען אַ געשיכטע פון יידיש אויף אַ ז אַ סמך איז מעטאָדאָלאָגיש גרייזיק (און ווער ווייס, ביי עמעצן אפשר אויך אַ קאַפּ „יודעאָ⸗צענטריש“).די טיר איז פאָרט ניט פאַרמאַכט, אדרבא: נייע פאָרשלאַגן זיינען עלול צו באַרייכערן סיי דעם פאַרנעם פון די דיסקוסיעס, סיי דעם אַלגעמיינעם וויסן. נאָר וואָס, אָט דאָ איז חל דער „עליו הראיה“. וויל מען טענהן אַשטייגער אַז מזרח⸗יידן⸗סלאַוויש איז לינגוויסטיש אַ מקור פון מזרח אייראָפּעאישן יידיש, דאַרף מען קומען מיט עמפּירישע ראיות, מיט אַ קאָרפּוס ווערטער, פאָרמעס, קאָנסטרוקציעס, קלאַנגען, וואָס זאָל ניט זיין, וואָס זייערע אבי⸗אבות, די פּראָטאָ פאָרמעס זיינען פאַראַן געווען אינעם פּאָסטולירטן מזרח⸗יידן⸗סלאַוויש; און וואָס זייערע בני⸗בנים, די רעפלעקסן, טרעפט מען עמפּיריש איבערן שטח פון מזרחדיקן יידיש. מיט אַ פעסטן קאָרפּוס פון סאָלידע באַווייזן קען מען נעמען לעגיטים אויסבויען אַזאַ בנין, אָדער לפּחות אַ כאַטע. ניתי ספר ונחזי.

צי מען האַלט אַשטייגער פון אַ ראָמאַנישן (אָדער לעזישן) קאָמפּאָנענט ממש אין יידיש, צי מען האַלט נאָר פון אַ קליינער צאָל איינסן, איז די עווידענץ פון יידיש כולה אַ באַדייטנדיקער, אַז למשל „בענטשן“ און „לייענ(ען)“, זיינען געווען אין פּראָטאָ יידיש. אַנדערש וואָלטן זיי זיך ניט געטראָפן אינעם „מִדָן ועד באר שבע“ פון דער גאַנצער ריזיקער טעריטאָריע פון יידיש אין אייראָפּע. דער נמשל: וויל מען אַרויסרוקן די השערה, אַז (דער פּאָסטולירטער) מזרח⸗יידן⸗סלאַוויש איז דער מקור אַפילו פון אַ פּיצינקן חלק פון מזרח⸗אייראָפּעאישן יידיש דאַרף מען קומען מיט ראוית. און אַזוי ווי מיר ווייסן פון די ראָמאַנישע איינסן, קען אויך דעמאָלט די לינגוויסטישע טעאָריע נאָר האָבן אַזויפל האַפט ווי עס האָט דער סך⸗הכל מיט ראיות, דהיינו: דער איכות און כמות פון דער עווידענץ.

ניט טענהנדיק, אַז דאָס איז דווקא די געשיכטע פון לשונות ביי יידן בכלל, נאָר וואָדען, אין גייסט פון אַ ברייט⸗סכעמאַטישן סך⸗הכל פונעם צענטראַלן סיפּור⸗המעשה פון אָט דער געשיכטע, לייגן מיר פאָר אַ ניט⸗איבערגעריסענע לינגוויסטישע קייט פון העברעאיש ← אַראַמיש ← יידיש, וואו די לינגוויסטישע שייכותן זיינען צום דערוויזן, און בולט באַשיימפערלעך, אין סאַמע תוך פון אַ בפירוש אָנזעעוודיקער שפע פון עמפּירישער עווידענץ. כדלהלן:

## (תנ״כישער) העברעאיש

ליִנגוויסטיש:

איז כולל אַ בולטן אַלט=אַראַמעאישן קאָמפּאָנענט (וואָס האָט זיך אַריבערגעוואַנדערט אין מויל פון פאָלק פון בבל ביז קיין כנען); דער ווייט=גרעסטער חלק פונעם רויען שפּראַכיקן חומר שטאַמט אָבער פון שכנותדיקע כנענישע דיאַלעקטן אינעם לאַנד אַוואו מען איז אָנגעקומען.

בכלל:

די נייע שפּראַך ביי די שבטים פון די אויפגעקומענע בני ישראל, פאַראייביקט בכתב אינעם תנ״ך און אַנדערשוואו.

## אַראַמיש

ליִנגוויסטיש:

איז כולל אַ בולטן העברעאישן קאָמפּאָנענט (וואָס האָט זיך אַריבערגעוואַנדערט אין מויל פון פאָלק פון ארץ ישראל ביז קיין בבל); דער ווייט=גרעסטער חלק פונעם רויען שפּראַכיקן חומר שטאַמט אָבער פון אָרטיקע ניט=יידישע אַראַמעאישע (כאַלדעאישע) דיאַלעקטן אינעם לאַנד אַוואו מען איז אָנגעקומען.

בכלל:

די צווייטע הויפּט=שפּראַך, היסטאָריש גערעדט, פון יידישן פאָלק, דער עיקר אין בבל און ארץ ישראל, פאַראייביקט בכתב אין דער גמרא און יורידיש=תלמודישע און קבלה כתבים.

## יידיש

ליִנגוויסטיש:

איז כולל אַ בולטן סעמיטישן קאָמפּאָנענט וואָס האָט זיך אַריבערגעוואַנדערט אין מויל פון פאָלק פון מיטעלן מזרח ביז די אשכנזישע שטחים פון אייראָפּע (און איז דעריבער במילא פאַראַן געווען ביי די ערשטע אשכנזים); דער ווייט=גרעסטער חלק פונעם רויען שפּראַכיקן חומר שטאַמט אָבער פון אָרטיקע ניט=יידישע דייטשישע דיאַלעקטן אינעם לאַנד אַוואו מען איז אָנגעקומען.

בכלל:

די דריטע הויפּט=שפּראַך, היסטאָריש גערעדט, פון יידישן פאָלק, אין צענטראַל אייראָפּע (מאַקס ווײַנרײַכס אשכנז I); און אין מזרח אייראָפּע (אשכנז II) ביזן חורבן, פאַראייביקט בכתב אין אַ ליטעראַטור פון וועלט פאַרנעם. היינט די מוטערשפּראַך (אויפן ניוואָ פון אַן אמתן שפּראַך=ציבור) ביי וואָגיקע טיילן פון חרדישן (דער עיקר: חסידישן) סעקטאָר אין אַ ריי לענדער.

# ביבליאָגראַפֿיע


**אַלטהאַוס, האַנס פּעטער**

**1972**

Hans Peter Althaus, “Yiddish” in Thomas A. Sebeok (ed), *Current Trends in Linguistics. Vol 9: Linguistics in Western Europe*, Mouton: The Hague & Paris, 1345-1382.

**באָראָכאָוו, בער**

**1913**

„די אויפֿגאַבן פֿון דער יידישער פֿילאָלאָגיע“ אין: ש. ניגער (רעד.), **דער פּנקס. יאָרבוך פֿאַר דער געשיכטע פֿון דער יידישער ליטעראַטור און שפּראַך, פֿאַר פֿאָלקלאָר, קריטיק און ביבליאָגראַפֿיע**, ב. א. קלעצקין: ווילנע, זז. 1-22.

**ביידער, אלכסנדר**

**2013**

Alexander Beider, “Reapplying the Language Tree Model in the History of Yiddish” in *Journal of Jewish Languages* 1: 77-121.

**ביים, האַרטאָך**

**1954**

Hartog Beem, “Yiddish in Holland: Linguistic and Sociolinguistic Notes” in Uriel Weinreich (ed), *The Field of Yiddish* 1: 122-133.

**1970**

Jerŏsche. *Jiddische spreekwoorden en zegswijzen uit het Nederlandse taalgebied*, Van Gorcum: Assen [2nd edition].

**1975**

שארית: *Resten ven een taal. Woordenboekje van her Nederlandse Jiddisch*, Van Gorcum: Assen [2nd edition].

**בירנבוים, שלמה**

**1922**

Salomo Birnbaum, *Das hebräische und aramäische Element in der jiddischen Sprache. Inauguraldissertation verfasst und der philosophischen Fakultät der bayer. Julius-Maximilians-Universität Würzburg zur Erlangung der philosoph. Doktorwürde vorgelegt am 10. June 1921*, Zahn & Baendel: Kirchhain.

**1923**

“Übersicht über den jiddischen Vokalismus” in *Zeitschrift für deutsche Mundarten* 18.3-4: 122-130.

**1929**

“Jiddische Sprache” in *Jüdisches Lexikon*, Jüdischer Verlag: Berlin, 3: 269-278.

**1979**

*Yiddish. A Survey and a Grammar*, Manchester University Press: Manchester & University of Toronto Press: Toronto.

**בן־נון [פֿישער], יחיאל**

**1973**

[היידעלבערגער דיסערטאַציע פֿון 1936, טיילווייז פֿאַרעפֿנטלעכט אַלץ פֿישער 1936]

Jechiel Bin-Nun, *Jiddisch und die deutschen Mundarten under besonderer Berücksichtigung des ostgalizischen Jiddisch*, Max Niemeyer: Tübingen.

**גוגענהיים־גרינבערג, פֿלאָרענץ**

**1961**

Florence Guggenheim-Grünberg, *Gailinger Jiddisch*, Vandenhoeck & Ruprecht: Göttingen.

**1973**

*Jiddisch auf alemannischem Sprachgebiet*, Juris: Zürich.

**דזשייקאָבס, ניל**

**2005**

Neil G. Jacobs, *Yiddish: A Linguistic Introduction*, Cambridge University Press.

**ווייל, עמנואל**

**1920-1921**

“Le Yidisch Alsacien-Lorrain” in *Revue des Études Juives* 70: 180-194, 71: 66-88, 165-189, 72: 65-88 [+ 72: 192-202]

**וויינרייך, מאַקס**

**1923**

Max Weinreich, *Geschichte und gegenwärtiger Stand der jiddischen Sprachforschung. Inaugural-Dissertation zur Erlangung der Doktorwürde einer hohen philosophischen Fakultät der Philipps-Universität zu Marburg*.

**1940**

„יידישע פילאָלאָגיע“ אין: **אַלגעמיינע ענציקלאָפּעדיע. יידן ב**, דובנאָוו פאָנד: פּאַריז, זז. 101-108.

**1960א**

“Old Yiddish Poetry in Linguistic-Literary Research” in *Word* 16: 100-118.

**1960ב**

„די סיסטעם יידישע קדמון־וואָקאַלן“ אין **יידישע שפּראַך** 20: 65-71.

**1973**

**געשיכטע פון דער יידישער שפּראַך. באַגריפן, פאַקטן, מעטאָדן**, פיר בענד, יידישער וויסנשאַפטלעכער אינסטיטוט (ייוואָ): ניו־יאָרק.

**ווייס, צ. ט.**

**1896**

C. Th. Weiss, “Das Elsasser Judendeutsch” in *Jahrbuch für Geschichte, Sprache und Litteratur Elsass-Lothringens* 12: 121-182 [+ 13: 171-183, 14: 78-82].

**זיסקינד, נתן**

**1953**

„באַטראַכטונגען וועגן דער געשיכטע פון יידיש“ אין: **יידישע שפּראַך** 13: 97-108.

**כ״ץ [\קאַץ], הירשע־דוד**

**1980**

Dovid Katz, “The Wavering Yiddish Segolate: A Problem of Sociolinguistic Reconstruction” in *International Journal of the Sociology of Language* 24: 5-27; http://dovidkatz.net/dovid/PDFLinguistics/1980.pdf.

**1982**

*Explorations in the History of the Semitic Component in Yiddish*, University of London PhD thesis; http://dovidkatz.net/dovid/PDFLinguistics/1982.pdf.

**1983**

“Zur Dialektologie des Jiddischen” in Werner Besch (et al.), Dialektologie. Ein *Handbuch zur deutschen und allgemeinen Dialektforschung*, 2, Walter de Gruyter: Berlin, 1018-1041; http://dovidkatz.net/dovid/PDFLinguistics/1983a.pdf.

**1985**

“Hebrew, Aramaic and the Rise of Yiddish” in Joshua A. Fishman (ed), *Readings in the Sociology of Jewish Languages*, E.J. Brill: Leiden, 85-103; http://dovidkatz.net/dovid/PDFLinguistics/1985.pdf.

**1987**

“The Proto Dialectology of Ashkenaz” in Dovid Katz (ed), *Origins of the Yiddish Language*, Pergamon: Oxford, 47-60; http://dovidkatz.net/dovid/PDFLinguistics/1987.pdf.

**1991א**

„דער סעמיטישער חלק אין יידיש: אַ ירושה פון קדמונים“ אין **אָקספאָרדער יידיש**, 2: 17-95; http://dovidkatz.net/dovid/PDFLinguistics/1991a.pdf.

**1991ב**

“A Late Twentieth Century Case of katóves” in Dov-Ber Kerler (ed), *History of Yiddish Studies*, Harwood: Chur, 141-163; http://dovidkatz.net/dovid/PDFLinguistics/1991aa.pdf.

**1991ג**

“The Children of Heth and the Ego of Linguistics: A Story of Seven Yiddish Mergers” *in Transactions of the Philological Society* 89.1: 95-121; http://dovidkatz.net/dovid/PDFLinguistics/1991b.pdf.

**1996**

„צוועלף שיטות, זעקס הונדערט יאָר: די יידישע לינגוויסטיק“ אין **ירושלימער אַלמאַנאַך**, באַנד 25: זז. 225-257.

**2006**

רעצענזיע איבער דזשייקאָבס 2005 אין *AJS Review*, 30:2: 471-473.
http://dovidkatz.net/dovid/PDFLinguistics/2006-Review-of-Jacobs.pdf

**2007**

*Words on Fire: The Unfinished Story of Yiddish*, Basic Books: New York.

**2015**

*Yiddish and Power*, Palgrave Macmillan: Basingstoke.

**מיזעס, מאַטיאַס [מיזיש, מתתיהו]**

**1908**

„מתתיהו מיזעסעס רעפעראַט וועגן דער יידישער שפּראַך“ אין: מאַקס ווײַנרײַך און זלמן רייזען (רעדאַקטאָרן), **די ערשטע יידישע שפּראַך קאָנפערענץ. באַריכטן, דאָקומענטן, און אָפּקלאַנגען פון דער טשערנאָוויצער קאָנפערענץ 1908**, יידישער וויסנשאַפטלעכער אינסטיטוט: ווילנע 1931, זז. 143-193.

**1915**

Matthias Mieses, *Die Entstehungsursache der jüdischen Dialekte*, R. Lőwit: Wien.

**סאָסיר, פערדינאַנד דע**

**1916**

Ferdinand de Saussure, *Cours de linguistique générale*, publié par Charles Bally et Albert Sechehaye, Librairie Payot: Lausanne & Paris.

**פוקס, לייב**

**1957**

L. Fuks, *The Oldest Known Literary Documents of Yiddish Literature (c. 1382)*, II vols, E. J. Brill: Leiden.

**פישער, יחיאל**

**1936**

[טיילווייזע פאַרעפנטלעכונג פון דער דיסערטאַציע וואָס איז גאַנצערהייט אַרויס אַלץ בן־נון 1973].
Jechiel Fischer, *Das Jiddische und sein Verhältnis zu den deutschen Mundarten unter besonderer Berücksichtigung der ostgalizischen Mundart. Erster Teil. Erste Hälfte: Allgemeiner Teil. Inauguraldissertation zur Erlangung der Doktorwürde einer hohen philosophischen Fakultät der Ruprecht-Karls-Universität Heidelberg*, Oswald Schmidt: Leipzig.

**צבי (ציווי, זיווי), אַרטור**

**1969**

Arthur Zivy, *Elsasser Jiddisch*, Basel.

**צוקערמאַן, רחמיאל**

**1969**

Richard Zuckerman, “Alsace: An Outpost of Western Yiddish” in Marvin I. Herzog et al (eds), *The Field of Yiddish* 3: 36-57.

**שאַנדלער, דזשעפרי**

**2006**

Jeffrey Shandler, *Adventures in Yiddishland. Postvernacular Language and Culture*, University of California Press: Berkeley.